# א חסידישע מלוה מלכה

## מיט הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א
## סיפורי צדיקים מקוריים בטוב טעם ודעת

גליון ס"ו / סיפורי צדיקים יארצייטן השבוע / פרשת כי תשא / אדר תשפ"ה

## הרה"ק הרבי
## ר' אלימלך מליזענסק זצ"ל
## כ"א אדר

דער רוזינער פלעגט אים רופן 'דער גרוישער ר"ר אלימלך' (דער רוזינער פלעגט זאגן א ש' פאר א ס'). זיין טאטע האט געהייסן הרה"ק ר' אליעזר ליפא - ליפמאן זצ"ל.

**איך וועל דערציילן אפאר זאכן וואס הרה"ק ר' יענקלע פון פשעווארסק זצ"ל האט דערציילט.**

### גרויסע קינדער בזכות צניעות

זיין מאמע האט געהייסן מירל. אלס שכר וואס זי איז געווען געוואלדיג אויסגעארבעט אין צניעות האט זי זוכה געווען צו אזעלכע קינדער צדיקים, ר"ר אלימלך און ר"ר זושא.

ר"ר אלימלך'ס טאטע האט געהאט א שענק, און די מאמע איז געשטאנען אגאנצן טאג דארט צו פארקויפן משקאות, און כדי זי זאל נישט האבן קיין שייכות מיט די גוים, פלעגט זי צודעקן איר פנים אויך. חוץ דעם פלעגט זי רעדן צו די גויים פארשלאפענערהייט, און געמאכט פארשידענע פעולות אז מ'זאל נישט האבן קיין שייכות מיט איר! האט מען איר מגלה געווען פון הימל אז אלס שכר אויף דעם וועט זי זוכה זיין צו א מנורה פון שבעה נרות און זי האט געהאט זיבן קינדער צדיקים!

הרה"ק ר' איציק'ל פשעווארסקער זצ"ל האט אויסגערעכנט זעקס, ר"ר אלימלך, ר"ר זושא, ר' נתן - דער רב פון סטיטשין, ר' אברהם פון קעניגסבורג, א שוועסטער - די באבע פון בני יששכר, עלקא - די רביצין פון טעטינער רב.

### תעניתים וסיגופים

ר' יענקעלע האט דערציילט, אז ר"ר אלימלך האט איין און צוואנציג יאר געפאסט משבת לשבת, און ער האט געזאגט: זיבן יאר האט ער געפאסט פאר זיך, זיבן יאר פארן טובה פון זיין דור, און זיבן יאר האט ער געפאסט פאר די קומענדיגע דורות עד ביאת משיח.

*

הרה"ק צאנזער רב האט געזאגט, אז זייט ימות יהושע בן נון איז נישט געווען איינער וואס האט זיך אזוי מסגף געווען אזויווי דער ר"ר אלימלך. הרה"ק ר' איציקל פשעווארסקער האט געזאגט, אז ער האט געהערט פון זיין שווער, אז דער צאנזער רב האט געזאגט אז זייט אברהם אבינו איז נישט געווען נאך איינער וואס האט זיך אזוי מסגף געווען.

### את ה' אלקיך תירא

נאך האט ער דערציילט: אין בראד זענען געווען געוואלדיגע גאונים און לומדים, וואס זענען געווען מתנגדים פאר די דרך החסידות, מ'האט זיי גערופן 'חכמי בראד'. אמאל איז א יונגערמאן פון די חכמי בראד געווען אין ליזענסק אויף הושענא רבא. ביינאכט האט ער געזאגט 'משנה תורה'. ווען ער איז אנגעקומען צום פסוק 'וליראה את ה' אלקיך', האט זיך ר"ר אלימלך אויסגעדרייט און געזאגט: "יונגערמאן, איר ווייסט וואס מיינט יראה? יראה טייטשט 'פארכט'." אויף דעם יונגערמאן איז געפאלן אזא פחד, אז ער איז געפאלן אויפן ערד, און האט גע'חלש'ט. אזוי איז ער געליגן אגאנצע נאכט.

אינדערפרי פארן דאווענען איז ר"ר אלימלך'ס זון הרה"ק ר' אלעזר צוגעגאנגען צום טאטן און געזאגט: "טאטע, וואס וועט זיין מיט דעם יונגערמאן פון בראד? איז רבי ר אלימלך צוגעגאנגען צו דעם יונגערמאן, און מיט א פארטוך געגעבן א וויש דעם פנים, דעמאלס איז ער געקומען צו זיך און זיך אויפגעשטעלט כאחד האדם.

מוצאי יו"ט ווען דער יונגערמאן איז אריין זיך געזעגענען, האט אים ר"ר אלימלך געזאגט: "ווען דו וועסט אהיימפארן זאלסטו זאגן פאר זיי (פאר זיינע חברים די גרויסע לומדים) וואס דאס מיינט יראה..."

הרה"ק ר' איציקל - זיין שווער - האט צוגעלייגט, אז אויב האט ר"ר אלימלך געקענט משפיע זיין אויף א יונגערמאן אזא גרויסע יראה, אז כמעט פרחה נשמתו, קען מען זיך פארשטעלן זיין אייגענע יראת שמים וואס ער האט געהאט, נאר פארוואס האט מען דאס נישט געזען אויף אים, וויבאלד ער האט געהאט די כלים אז ער האט געקענט אויסהאלטן די יראה.

### תפילת ר"ר אלימלך

דער אפטער רב האט געזאגט, אז די הימל אין ליזענסק זענען מזוכך [אויסגעלייטערט] פון די תפילות פון ר"ר אלימלך.

*

ר' מענדעלע רימנובער איז געווען איינער פון די גרויסע תלמידים פון רבי ר' אלימלך, און ווען ר"ר אלימלך איז נסתלק געווארן האט ער מחליט געווען אז ער פארט צום ר"ר ברוכ'ל. אבער אויפן וועג איז אים אריינגעקומען ספיקות צי ער זאל פארן צו ר"ר ברוכ'ל אדער צו זיין ברודער דער דגל.

ווען דער בעל עגלה איז אנגעקומען צו א פרשת דרכים, וואס איין וועג פירט קיין מעזיבוז און איין וועג קיין סאדילקוב, האט ער זיך טועה געווען און געפארן קיין סאדילקוב צום דגל, און פונקט פארדעם האט ר' מענדעלע איינגעדרימלט, צי ער איז אריין אין א דביקות. ווען ער האט זיך אויפגעכאפט האט ער געזען אז דער בעל

עגלה האט זיך טועה געווען, האט ער געזאגט: 'די וועג איז אויך גוט'. דער אויבערשטער האט עס אזוי מסבב געווען.

ווען ער איז אנגעקומען צום דגל האט דער דגל געבעטן ער זאל דערציילן עפעס אן ענין פון זיין רבי'ן ר"ר אלימלך. האט ר' מענדעלע געזאגט: "איך האב געהערט פון מיין רבי, 'אז ס'איז דא איין אדער אונטערן אויער וואס ציטערט נישט פון קיין שום אימה און פחד, אויסער אינעם טאג וואס דער מענטש ווערט נפטר פון דער וועלט'. אבער ביי מיין רבי - ר"ר אלימלך - האב איך געזען יעדן טאג ביים דאווענען אז דער אדער האט אויך געציטערט!"

דער דגל האט שטארק הנאה געהאט דערפון, האט ער געזאגט: "די פולישע קוקן גוט אויף זייער רבי".

## סעודתא דדוד מלכא משיחא

ר' יענקעלע האט אויך דערציילט, אז ר"ר אלימלך האט זוכה געווען אז דוד המלך האט זיך יעדע מוצאי שבת מגלה געווען צו אים. און ער איז געקומען צו אים אנגעטון מיט א קרוין. איינמאל איז ער אנגעקומען אן דעם קרוין, פרעגט אים ר"ר אלימלך 'וואו איז די קרוין?' האט ער אים געענטפערט: "יעדע וואך מוצאי שבת טרינקסטו קאווע (אדער טיי) מיט צוקער, אבער די וואך האסטו געטרונקען אן קיין צוקער בין איך געקומען אן די קרוין..."

איך האב אמאל געהערט, אז ר' איציקל האט געזאגט: "איך זע נישט דוד המלך, אבער אז ער האט ליב צוקער, וועל איך לייגן אסאך צוקער..."

ר"ר אלימלך פלעגט זיך נישט וואשן פאר מלוה מלכה, האט ער געזאגט נאך די מעשה, אז ער האט נישט געוואוסט אז מלוה מלכה איז אזוי גרויס, אבער וויבאלד ער איז שוין געווען אין די עלטערע יארן האט ער שוין נישט קיין כח אנצופאנגען זיך צו וואשן יעדע וואך, אבער ער האט געהייסן זיינע קינדער און זיינע קומענדיגע דורות אז זיי זאלן פירן גרויסע מלוה מלכה'ס.

## טעם גן עדן

ר"ר אלימלך האט געהאט א תלמיד וואס האט געהייסן ר' דוד זשילינער, וואס איז נישט ווייט פון ליזענסק, און דער ר' דוד האט געלעבט אין א געוואלדיגע דחקות, ער האט געהאט ממש נאר וואסער מיט מעל צו עסן אן קיין שום צושפייז.

אמאל איז ר"ר אלימלך אנגעקומען צו אים, און ער האט גארנישט געהאט צו געבן, האט די רביצין אנגעגרייט עפעס א געקעכטס 'טשיפקעלעך' [יש אומרים אז די מעל איז שוין געווען אנגעגרייט פאר די מצות פון פסח].

בשעת זי האט צוגעגרייט דאס עסן האט זי מתפלל געווען צום אויבערשטן, אז ר"ר אלימלך זאל פילן א טעם גן עדן אין דעם מאכל. ר"ר אלימלך האט געגעסן און נאכדעם איז ער אהיימגעפארן.

ווען ר"ר אלימלך איז שוין געווען אין די עלטערע יארן איז אים זייער שווער געווען צו עסן, און זיין רביצין האט אים זייער געבעטן ער זאל עפעס עסן. האט ר"ר אלימלך געזאגט: "אויב מ'וואלט געקענט צוגרייטן אזא מאכל וואס איך האב געהאט אין זשילין, דעמאלס וואלט איך געגעסן".

איז זיין רביצין אהינגעפארן, און געפרעגט פון די זשילינער רביצין: "וואספארא מאכל האסטו אים געמאכט?" האט זי געזאגט אז ווען זי האט געמאכט דעם מאכל האט זי מתפלל געווען.

האט די רביצין פון ר"ר אלימלך געזאגט: "דאס קען איך שוין נישט!"

*

אויך האט ר' יענקעלע דערציילט: אז אברהם אבינו פלעגט קומען צו ר"ר אלימלך. אמאל איז ער געקומען מיט א הוט פול מיט פארשידענע גראזן. האט ר"ר אלימלך געפרעגט: "וואס איז דאס?"

האט ער געענטפערט אז דאס זענען סגולות, די גראז איז א סגולה פאר דעם, און די גראז פאר דעם. פרעגט ר"ר אלימלך: "מיט תפילות אליין קען מען נישט אויפטון? וואס דארף מען האבן די אלע גראזן?"

האט אברהם אבינו געענטפערט: "איך הייס דאך נישט אלימלך..."

## מיטן טאטן אברהם

ר"ר אלימלך האט אמאל געבעטן דעם מאור ושמש זאל אים ברענגען א טיי, צי א קאווע. ווען דער מאור ושמש איז אריינגעקומען איז ער זייער נשתומם געווארן ווייל ער האט געזען אז נאך א פרעמדער מענטש זיצט דארט ביי ר"ר אלימלך. פון גרויס פחד איז אים ארויסגעפאלן די גלעזל קאווע פון דער האנט און ס'האט זיך אויסגעגאסן.

שפעטער האט אים ר"ר אלימלך געפרעגט פארוואס ער האט נישט געברענגט צו טרינקען? האט דער מאור ושמש געזאגט: "ווייל איך האב געזען נאך איינעם אין שטוב, האב איך פארשטאנען אז ער קומט פון יענער וועלט, איז מיר מרוב פחד ארויסגעפאלן די כוס פון האנט".

האט זיך אנגערופן דער ר"ר אלימלך: "וויי פאר די קינדער וואס קענען נישט קוקן דעם טאטן אין פנים אריין... דאס איז געווען אברהם אבינו".

## אויסגעגאסן טינט דורך זופ

אמאל שבת איז ר' מענדעלע פון רימינוב געזעסן ביים טיש פון ר"ר אלימלך, און ווען מ'האט אריינגעברענגט די זופ האט ר"ר אלימלך געמישט און געמישט מיטן לעפל, ביז די זופ האט זיך אויסגעגאסן. אזוי ווי ס'האט זיך אויסגעגאסן האט ר' מענדעלע אנגעהויבן שרייען: "רבי, מ'וועט אונז דאך פארשפארן אין תפיסה..." ר"ר אלימלך האט אים בארואיגט און געזאגט אז ער זיצט דא אין ליזענסק. קיינער האט נישט פארשטאנען וואס דאס מיינט.

שפעטער האט ר"ר אלימלך דערציילט, אז אין יענע צייט האט מען ביים קעניג אין עסטרייך געוואלט גוזר זיין שלעכטע גזירות אויף אידן, און בשעת די זופ האט זיך אויסגעגאסן, האט ער מיט דעם אויפגעטון אז ביים קעניג אין פאלאץ האט זיך אויסגעגאסן די טינט אויף דעם כתב, און די גזירה איז בטל געווארן. ר' מענדעלע האט עס ברוח קדשו מיטגעהאלטן, און אים האט זיך געדאכט אז מ'זיצט ביים קעניג אין שטוב, און ר"ר גיסט אויס דעם טינט פארנט פון דעם קעניג, וועגן דעם האט ער געשריגן אז מ'וועט אונז פארשפארן...

## כאשר ירים ידיו

אמאל איז געקומען א איד צו ר"ר אלימלך מיט זיין טאכטער, און ער האט זיך אפגערעדט אז עס קומט שוין צו שידוכים, און זי איז זייער נידריג. האט ר' אלימלך אויפגעהויבן זיינע הייליגע הענט שטייטערהייט העכער איר קאפ, און פלאי פלאים, ביז וואו ער האט אויפגעהויבן זיינע הענט איז דאס מיידל אלס געוואקסן מער און מער, און ער האט געפרעגט: "שוין גענוג?" ווען יענער האט געענטפערט אז ס'איז שוין גענוג, האט ער אוועקגענומען די הענט און זי האט אויפגעהערט וואקסן.

## געשפאלטן די וואסער

אמאל שביעי של פסח האט ר"ר אלימלך געפרעגט פון די שטוב-מענטשן: "ענק ווילן זען וויאזוי משה רבינו האט געשפאלטן דעם ים?" האט ער גענומען א קלאפ געטאן מיט א שטעקן אויפ'ן וואסער, ער האט ארויפגעלייגט זיינע הייליגע הענט העכער די וואסער, און די וואסער האט זיך געשפאלטן. האט ר"ר אלימלך געזאגט: "אזוי האט משה רבינו געשפאלטן דעם ים".

## רוח הקודש

דער קאזניצער מגיד האט געהאט א זון דער בעל 'באר משה' - 'דעת משה', ער איז געווארן א חתן אין אניפאלי ביי הרה"ק ר' יהודה לייב הכהן, וואס פון אים איז דא ספר 'אור הגנוז'. ווען דער באר משה איז געפארן חתונה האבן איז ער דורכגעפארן ליזענסק, ווייל ער האט געוואלט באקומען א ברכה פון ר"ר אלימלך.

ווען ער איז געווען אין שטוב פון ר"ר אלימלך איז געשטאנען א וויגעלע דארט, וואס א קליין מיידל איז געווען אין דעם, דאס איז געווען א טאכטער פון ר' אלעזר פון ליזענסק [דער זון פון ר"ר אלימלך], און זי האט געוויינט. האט זיך אנגערופן ר"ר אלימלך צום חתן דער באר משה: "גיי וויג דיר דיין כלה..." ער האט נישט פארשטאנען וואס דאס מיינט.

יארן שפעטער האט דער באר משה חתונה געהאט מיט דאס מיידל בזיווג שני, האט מען דעמאלס פארשטאנען וואס עס האט געמיינט ער זאל וויגן זיין כלה.

## זיינע עבירות

ר' יענקעלע האט דערציילט: אמאל מוצאי יוה"ק ווען ער האט געדאווענט מעריב, ביי 'סלח לנו', האט ער געטראכט וואס האט ער צו בעטן מחילה יעצט, מ'האט דאך יעצט געענדיגט 'נעילה', און דער אויבערשטער האט שוין אלעס מוחל געווען? ער האט זיך מתבונן געווען אביסל, האט ער געמאכט א חשבון, אז פון נעילה ביז מעריב האט ער שוין עובר געווען אויף פיר הונדערט עבירות.

האט ער געזאגט אז זיין שווער ר' איציקל פלעגט זאגן 'הלואי זאל איך האב א חלק אין די עבירות...'

## זיך בודק געווען

ס'שטייט אין 'מאמר מרדכי' פון הרה"ק ר' מאטל סלאנימער, אז יעדן פרייטאג האט ר"ר אלימלך אריינגעלייגט די הענט אין פייער צו זען אויב די פייער אין גיהנום וועט שולט זיין אויף אים.

## דער חיבור פונעם ר"ר אלימלך

איך האב אמאל געהערט פון רבי'ן שליט"א ביים יארצייט, אז אמאל איז געקומען א גדול צו ר"ר אלימלך, און געפרעגט צי ער האט געמאכט עפעס א חיבור? האט ר"ר אלימלך געענטפערט: "איך ארבעט שוין אפאר יאר מחבר צו זיין מיין הארץ צום אויבערשטן, און איך בין נאכאלץ נישט פארטיג!

אויך האב איך געהערט פון רבי'ן שליט"א, אז ווען ס'איז ארויסגעקומען דעם ספר 'נועם אלימלך' איז דער בעל התניא געווען ביי א מתנגד, און דער בעל התניא האט געזען ווי דער מתנגד האט גענומען דעם ספר און געלייגט אויפן ערד. האט דער רב געזאגט: "ער מיינט אז ער האט אים אפגעטון, ווען דער מחבר אליין וואלט דא געווען און דו וואלסט אים אליין געלייגט אויפן ערד וואלט עס אים אויך נישט געארט".

## ווערטער פון א פשוט'ער איד

אינעם ספר 'סיפורים נפלאות מגדולי ישראל' פון א סאדיגורער חסיד, שטייט, אז ר"ר אלימלך האט אמאל ערב יוה"ק געזאגט פאר זיינע תלמידים: "איר ווילט זען וויאזוי מ'מאכט כפרות שלאגן? גייטס דארט און דארט צום יענעם שניידער וואס וואוינט ביים עק שטאט, און קוקטס וויאזוי ער שלאגט כפרות".

פארטאגס זענען די תלמידים אהינגעגאנגען און זיך געשטעלט ביים פענסטער פון דעם שניידער, האבן זיי געזען אז דער שניידער מיט זיינע קינדער האבן זיך אוועקגעשטעלט דאוונען זייער פשוט. נאכן דאווענען האבן זיך אלע אנגעטון שבת'דיג, אנגעצינדן א ליכט, אנגעגרייט א טיש מיט אלע גוטע עסן, זיי האבן זיך אוועקגעזעצט ביים טיש ברוב שמחה, ער האט ארויסגענומען פון שאנק א ביכל, וואס דארט איז געשטאנען אראפגעשריבן אלע עבירות וואס ער האט געטון אגאנץ יאר, פון פאריאר יו"כ ביז יעצט, און ער האט אנגעהויבן אזוי צו זאגן: "רבוש"ע, היינט איז געקומען דער צייט אונז זאלן מאכן א חשבון פון אלע עבירות וואס איך האב געטון, ווייל היינט איז א זמן כפרה פאר אלע אידן". און ער האט אנגעפאנגען אויסצורעכנען אלע עבירות וואס ער האט געטון במשך דעם גאנצן יאר.

ווען ער האט געענדיגט אויסרעכענען אלע עבירות, האט ער ארויסגענומען פון שאנק נאך א גרויסע ביכל, דיקער פונעם ערשטן ביכל, און אנגעהויבן זאגן: "רבוש"ע, קודם האב איך אויסגערעכנט מיינע עבירות וואס איך האב געטון, יעצט לאמיר אויסרעכענען וואס דו האסט געטון... און ער האט אנגעפאנגען אויסרעכענען אלע צער און אלע עגמת נפש, קרענק און שאדן, וואס ער האט געהאט במשך די גאנצע יאר.

ווען ער האט געענדיגט מאכן דעם חשבון האט ער געזאגט: "רבוש"ע, אויב מ'וואלט געמאכט א חשבון, איז ע"פ אמת און ע"פ יושר ביסטו מיר שולדיג מער ווי איך בין שולדיג פאר דיר. אבער איך וויל נישט מאכן קיין פונקטליכער חשבון. היינט איז ערב יום הקדוש, מ'מוז זיך איבערבעטן איינער דעם צווייטן, ממילא איך בין דיר מוחל אלעס וואס דו האסט געטון מיט מיר, און זיי דיר מיר מוחל אלע מיינע עבירות וואס איך האב געטון". ער האט זיך אנגעגאסן א גלעזל בראנפן, געמאכט א שהכל און געזאגט: "לחיים רבוש"ע, אונז זענען זיך מוחל איינער דעם אנדערן אלעס וואס מ'האט געזינדיגט איינער פארן אנדערן, אלע עבירות דיינע און מיינע זענען בטל ומבוטל כאילו לא היה".

נאכדעם האבן זיי זיך אוועקגעזעצט עסן מיט א געוואלדיגע שמחה.

ווען די תלמידים האבן דאס צוגעזען זענען זיי צוריקגעגאנגען צום ר"ר אלימלך און געפרעגט: "אזעלכע ווערטער צו רעדן?"

האט ר"ר אלימלך געענטפערט: "איר זאלט וויסן אז קודשא בריך הוא אליין מיט די פמליא של מעלה זענען געקומען אויסהערן דעם שניידער'ס ווערטער וואס איז ארויסגעקומען מיט אזא תמימות און אמת, און פון זיינע אמת'ע ווערטער איז אויבן אין הימל געווארן א מורא'דיגע שמחה וששון אין אלע עולמות!"

*

אז מ'רעדט פון די תמימות פון א איד וועל איך דערציילן א מורא'דיגע מעשה, וואס ר' מענדיל קירשנבוים [א קארלינער חסיד פון א"ן], וואס פלעגט אהערקומען פלעגט דערציילן:

אין ירושלים איז אמאל נפטר געווארן איינער פון די חשוב'ע אידן, א גביר אן איש מכובד. די גאנצע שטאט האט גערודערט, ס'איז געווען א גרויסע לויה, און אלע גדולים און רבנים זענען געקומען צו דער לויה. און דער לעלוב'ער רבי הרה"ק ר' דוד'ל בידערמאן זצ"ל איז אויך דארט געווען.

ביי דער לויה איז געווען אסאך הספדים. איינער פון די מספידים האבן צוגעענדיגט, זאגנדיג: "מ'בעט דעם נפטר, און מ'מאכט אים פאר א שליח, ער זאל גיין פארן כסא הכבוד און מליץ טוב זיין פאר אונזערט וועגן"

ווען דער לעלובער רבי האט דאס געהערט, האט ער זיך אנגערופן צו איינער וואס איז געשטאנען נעבן אים: "אזוי, כסא הכבוד? וואס טוט זיך מיט חיבוט הקבר? וואס טוט זיך מיט גיהנום? און וואס טוט זיך מיט כף הקלע? ער האלט שוין ביי כסא הכבוד?"

א וואך-צוויי שפעטער איז נפטר געווארן א איד ר' איטשע, וואס איז געווען שמש אין קארלינער שטיבל אין אלטשטאט י"ם, ער איז געווען א תמימות'דיגער פשוט'ער איד. יעדע אינדערפרי פלעגט ער אויפשטיין הייצן די אויוון אז דער עולם זאל זיין צופרידן. זיין לויה איז געווען אן קיין עולם, קוים אפאר מענטשן און אן קיין הספדים.

יענע פרייטאג צונאכטס ביים טיש, האט זיך ר' דוד'ל לעלובער אנגערופן: "איטשע האט זיך שוין מיטגעכאפט צו לכו נרננה מיטן בית אהרן!" זעט מען וואס עס מיינט א תמימות און א פשטות פון א איד!

### די וועג קונה צו זיין עולם הבא

אין שטאט ליזענסק איז געווען א גרויסער עושר, וואס האט געהאט א גרויסע געשעפט. ער האט זיך געפירט אז יעדן טאג אינדערפרי נאכן דאווענען איז ער געגאנגען אין געשעפט, און געשטאנען דארט אגאנצן טאג. איינמאל האט ער זיך מיישב געווען: וואס וועט זיין תכלית, פארברענגען אגאנצן טאג מיט געשעפטן? האט ער גיזאגט פאר זיין ווייב, אז ער קומט נישט אריין אין געשעפט, ער גייט אין ביהמ"ד דאווענען און לערנען ביז נאכמיטאג. אזוי האט ער זיך געפירט א שטיק צייט, און יעדן פארנאכט פלעגט ער גיין צו ר"ר אלימלך הערן א דבר תורה.

איינמאל האט ער געהערט ווי ר"ר אלימלך האט גיזאגט, אז אויב איינער האלט זיך איין פאר איין מעת לעת נישט צו רעדן קיין שקר איז ער מובטח אז ער איז א בן עולם הבא!

אזוויי ער האט געהערט די ווערטער האט ער ביי זיך אפגעמאכט אז ער וועט דאס דורכפירן. ער איז אריין אין א שטוב, זיך פארשפארט, אזוי וועט ער נישט האבן קיין שייכות מיט קיין שום מענטש, וועט אים נישט אויסקומען צו זאגן ליגנט.

אינמיטן טאג האט זיין שנור געוואלט אריינגיין אין שטוב, האט זי געזען אז ס'איז צוגעשפארט. האט זי אנגעפאנגען קלאפן, אבער ער האט נישט געענטפערט, ווייל ער האט נישט געוואלט האבן קיין שייכות מיט קיין מענטשן, ווייל ער האט געוואלט דורכגיין אגאנצע מעת לעת אן קיין שקר.

האט זי גערעדט: ווער ווייסט וואס עס איז געשען מיטן שווער, אפשר האט ער גע'חלש'ט, האט זי געמאכט א גרויסער רעש, מענטשן זענען אנגעקומען דארט, און אויפגעבראכן דעם טיר, האבן זיי געזען ווי ער איז אנגעטון מיטן טלית ותפילין און ער זיצט און לערנט.

אויף וואס מ'האט אים נאר געפרעגט האט ער נישט געענטפערט, ווייל ער האט נישט געוואלט צוקומען צו קיין שקר. זיין פרוי האט זיך זייער דערשראקן, ווער ווייסט וואס איז געשען מיט אים, אפשר איז ער שטים געווארן רח"ל, האט זי אנגעהויבן צו וויינען.

אינמיטן איז אנגעקומען א גוי, און ער האט געבעטן 'אפשר קען ער בארגן א האק?' האט ער געענטפערט אז ער האט נישט קיין האק.

אז די משפחה האט געזען אז ער רעדט יא, האבן זיי געזען אז ער איז געזונט, זענען זיי ארויס פון שטוב. ווען ער האט געענדיגט לערנען האט ער זיך אויפגעשטעלט. מיטאמאל זעט ער אז די האק ליגט אונטערן בעט, איז געפאלן אויף אים א געוואלדיגער פחד, ער האט דאך היינט גערעדט שקר. איז ער געלאפן צו ר"ר אלימלך. אזוויי ער איז אריינגעקומען פרעגט אים ר"ר אלימלך 'וואו איז דיין האק?' האט ער פארשטאנען אז ר"ר אלימלך ווייסט אלעס וואס איז דורכגעגאנגען אויף אים, האט ער אנגעהויבן צו וויינען אז ער האט עס נישט געקענט אויספירן.

האט אים ר"ר אלימלך געזאגט: "וויסן זאלסטו, מ'האט מיר מודיע געווען אין הימל, אז נישט דאס איז די וועג צו קונה זיין עולם הבא אויף איינמאל, נאר מ'האנדלט מיט מענטשן אזוויי ס'דארף צו זיין, און מ'טוט זיך צוגעוואוינען צו האנדלן ערליך און נישט רעדן קיין שקר, אזוי איז מען קונה עולם הבא.

### ירושה צווישן די תלמידים

איך האב געהערט פונעם רבי'ן שליט"א, אז די תלמידים פון ר"ר אלימלך האבן זיך צעטיילט מיט זיינע כוחות. דער לובלינער האט גענומען דעם חוש הראיה - ער האט געקענט זען פון איין עק וועלט ביז דער אנדערער, דערפאר האט מען אים גערופן 'דער חוזה'. דער אפטער רב האט גענומען דעם חלק הדיבור - ער פלעגט זאגן שטארקע גוזמאות וואס ס'האט אויסגעזען אז ער רעדט אינטערעסאנטע דיבורים. איינמאל האט ער גיזאגט אויף זיך אז ער האט אין מויל א גאלדענע וואגשאל [א וואגשאל וואס מעסט גאלד קען מעסטן יעדע משהו]. מ'האט געמיינט אז ער רעדט סתם, אבער די ווערטער האט ער גערעדט מיט א גאלדענע וואגשאל.

ר' מענדעלע רימנובער האט גענומען די חוש השמיעה, דער קאזיניצער מגיד האט גענומען די חוש הריח, און דער רבי האט אויסגעפירט אז זיין שמעקן טאביק איז געווען למעלה מגדר אנושי.

## זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל

להערות והארות יפנו להמספר הרה"ח ר' אברהם צבי אונגער שליט"א 845-274-1658 עריכה והגהה ע"י הרב יששכר יואל אונגער הי"ו 845-596-8865

צו באקומען די גליון MlavaMalka@gmail.com